ב״ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת״ת עבודת משולם פייש ד׳טאהש

## פרשת נצבים וילך / גליון מ״ו

טאהש

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ״ו

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## הנה ימים הקדושים באים.

מיט א רגש קודש גרייטן זיך די לעכטיגע קינדערלעך פון די נורסערי קלאס צו אריינגיין און די הייליגע טעג הבאים לקראתינו לשלום ווען מיר אלע זיכן וואס נאך מיר קענען טוהן זיך ריכטיג צו צוגרייטן צו די הייליגע ימים הנוראים הבאים לקראתינו לשלום.

די חשובע און געטרייע מלמד הרב אפרים יואל פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. האט אנגעפאנגען מסביר זיין פאר די קינדער קודם וואס געשעהט ווען א אינגעלע טוט א מצוה וויאזוי עס ווערט באשאפן א ווייסע מלאך וואס גייט מליץ טוב זיין און וואס דאס גייט אים באגלייטן א גאנץ לעבן און ח"ו פארקערט ווען איינער מטוט אן עבירה ווערט באשאפן א שווארצע מלאך און אויב ער טוט נישט תשובה ווי עס דארף צו זיין ..

דערנאך האט די מלמד אויסגעשפילט פאר די קינדער וויאזוי עס זעהט אויס א משפט אויבן און הימל ווען מען נעמט א גרויסע וואגשאל און מען לייגט ארויף די מצות אויף איין זייט און אויף די צווייטע זייט לייגט מען ארויף די עבירות און מען זעהט וואס עס וועגט מער און לויט דעם פאסקענט מען אויבן און הימל.

דערנאך האט די חשובע מלמד אויסגעשפילט פאר די לעכטיגע קינדערלעך דאס וואס די טאטע'ס גייען אנפאנגען די קומענדיגע זונטאג צו זאגן סליחות און תשובה טוען אויף אלעס וואס מען האט געטוהן דורכ'אויס די יאר און אויך צו איינרייסן ביים רבונו של עולם אז ער זאל אונז אנשרייבן א גוט געבענטשטע לעכטיגע יאר.

די חשובע מלמד האט אויסגעלאשן די לעקטער פון קלאס און אויפגעוועקט די קינדער אפילו עס איז נאך טונקל צו גיין זאגן סליחות ווען די קינדער האבן געהאט דערפון גרויס הנאה. און ריכטיג קונה געוועהן די אלע זאכן וואס די חשובע מלמד האט מיט זיי געלערענט.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן זיך ריכטיג צוגרייטן צום די הייליגע טעג און מיר זאלן אויספועלן אלע גוט'ס ישועות און רפואות לנו ולכל ישראל און זוכה זיין צו ווערן אנגעשריבן מיט א זיס לעכטיגע יאר בספרן של צדיקים גמורים.

## קינדערגארטן קאכט ווי א קעסל

און די קינדערגארטן קאכט ווי א קעסל די ווערטער איז די פאסיגסטע צו אנפאנגען ביישרייבן ווי די לעכטיגע קינדערלעך פון די קינדערגארטן קלאס גרייט'ן זיך צו מקבל פנים זיין די הייליגע טאג וואס שטייט שוין ביים שוועל.

די חשובע מלמד הרב שמואל פישער האט שטארק ארום געערדט פאר די זיסע קינדער איבער די נושא מיט וואס מיר זענען און די יעצטיגע טעג פארנומען צו תשובה טוהן וואס דערפאר בלאזט מען שופר יעד'ן טאג נאך שחרית צו מעורר זיין די אידן צו תשובה טוהן.אזוי אויך האט מלמד ארויסגעברענגט פאר די זיסע קינדערלעך אז די טעם פארוואס מען בלאזט שופר און ראש השנה איז ווייל מען וויל צומישן די שטן ער זאל מיינען אז מען גייט אים שחט'ן אזוי גייט ער זיך באהאלטן און נישט מקטרג זיין אויף אונז און דורך דעם גייט מען זוכה זיין אז אונזערע תפילות וועלן ווערן אנגענומען לרחמים ולרצון.

ווי אויך האט די חשובע מלמד ארויסגעברענגט אז די עיקר פון די גאנצע זאך איז די הארץ אפילו מיר קענען נאכנישט דאוונען די גאנצע דאוונען דאך דארף השי"ת מאר אונזערע הערצערלעך און דאס פועלט אויבן און הימל ישועות און רפואות און א שנת גאולה וישועה.

די מלמד האט פארציילט די מעשה פון משה'לע וואס איז לייידער געוועהן א קאלעכ'יגע יתום וואס איז געווארן אויפגעצויגן ביי א גוישע פריץ ווייט פון אידייש'קייט און איין טאג איז ער געוואר געווארן אז ער איז א איד איז ער געלאפן און ביהמ"ד מיט א מחזור וואס זיין טאטע האט איבערגעזאגט און ער איז אנגעקומען און א ביהמ"ד יום כיפור אונמיטן מוסף ער האט זייער געוואלט דאוונען אבער ער האט נישט געקענט האט ער אויפגעהויבן זיין מחזור און געזאגט הייליגע באשעפער איך וויל זייער דאוונען אבער איך קען נישט נעם די מחזור און מאך פון די א"ב א דאוונען האט די הייליגע בעל שם טוב געזאגט אז דאס האט פאר אונז געפויעלט.

## אן אנגעפילטע וואך אריבער בקרב תלמידי המוסדות פון כתה א׳

די וואך איז אריבער ב״ה מיט גרויס דערהויבנקייט׳ן אנגעפילט מיט תורה ויראת שמים ומדות טובות און אלע ענינים און אופנים ובפרט מיט׳ן זיך גרייטן אויפ׳ן הייליג׳ן גרויס׳ן יו״ט פון ראש השנה ווען די חשובע קינדערלעך האבן זיך שיין צוגעהערט צו די ווארימע ווערטער וואס די חשובע מלמד הרב חיים ראטטענשטיין שליט״א האט פאר זיי ערקלערט.

און ווי אויך האבן זיי זיך ריכטיג געגרייט אויפן הייליג׳ן יו״ט ווען די חשובע מלמד האט זיי אויסגעלערנט שיינע ווארימע ניגוני ימים הנוראים וואס מען זינגט בחצרות קדשינו און אנדערע ווארימע ניגוני ימים הנוראים. מיט וואס די לעכטיגע קינדערלעך האבן זיך אנגעווארעמ׳ט לכבוד די הייליגע יו״ט.

ווי אויך האבן די לעכטיגע קינדער אנגעגרייט אן ערליכע לשנה טובה קארטל פאר די חשובע עלטערן מיט ווארימע וואונטשן צום נייעם יאר, די לעכטיגע קינדער מאכן עס, יעדער איינער אויף זיין אייגענארטיגע שטייגער לכבוד די חשובע עלטערן שיחיו, וואס געבן זיך אזוי געטריי אפ מיט זיי א גאנץ יאר.

אבער מען קען נישט אויס לאז אז מען שטייט שטיט שוין שלושים יום קודם החג פון הייליגע יו״ט סוכות ווען די לעכטיגע קינדערלער גרייטן זיך טראץ אלע הכנות צום הייליג׳ן יום טוב פון ראש השנה און יום כיפור דאך זענען זיי פארנומען זיך צו גרייטן צום גרויסן און הייליג׳ן יום טוב פון סוכות ווען זיי מאכן אינאיינעם אן ערליכ׳ן נוי סוכה צו אויפהענגען און די סוכה.

די וואך איז פארגעקומען א ערליכע מחזה וואס האט ארויסגעברענגט די שטארקע אהבת חברים וואס הערשט צווישן די לעכטיגע תלמידים ווען עס איז פארגעקומען א מסיבת פרידה פאר הילד החשוב שלום אלי׳ פעלבערבוים נ״ו וואס האט זיך בשעה טובה אריבער געצויגן קיין אריזאנא ווען די לעכטיגע קינדערלעך האבן זיך גאר ווארעם געזעגנט פון זייער באליבטע חבר וואס איז אזוי נאנט מיט זיי.

## א גאר לעכטיגע וואך אריבער אויף די לעכטיגע קינדערלעך פון כתה ב׳

א געוואלדיגע געשמאקע וואך איז אריבער אויף די לעכטיגע קינדערלעך פון כתה ב׳ ווען זיי האבן פלייסיג געלערנט און געשטיגן און די שלשה עמודי העולם תורה עבודה וגמילות חסדים.

ובפרט האבן די לעכטיגע קינדערלעך זיך געגרייט צום הייליג׳ן יו״ט פון ראש השנה דורכ׳ן זיך שיין צו הערן וואס די חשובע מלמד הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט״א לערנט מיט זיי איבער די גרויסקייט׳ן פונעם טאג. ובפרט און די יעצטיגע טעג לייגן די קינדער אריין גרויסע כוחות מיט׳ן תהילים זאגן און בעטן זיך אויס אלעס גוט׳ס.

דעי וואך האט די מלמד געלערנט מיט די קינדער איבער די פיר פסוקים וואס משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן די פסוקים פון, לא בשמים הוא, לא מעבר לים, ולא רחוקה, ולא נפלאתי ממך. ווי די חשובע מלמד האט פאכמאניש אפגעמאלן די פסוקים אז יעדע איד ווען ער איז און סיי וועלכע מצה זאל ער נישט אויפגעבן מיט׳ן לערנען די הייליגע תורה ווייל עס איז בפיך ובלבבך לעשותו.

א אייגענארטיגע זאך איז איינגעפירט געווארן און די טעג און כתה ב׳ אז יעד׳ן טאג נעמט די חשובע מלמד ארויס א שופר און די קינדער זאגן צוזאמען תקיעה שברים תרועה אזוי ווי געהעריגע בעלי מקרא און דערנאך בלאזט די מלמד און ווען די מלמד ענדיגט פאנגט די גאנצע חדר אן מיט א ווארימ׳קייט צו זאגן לדוד ה׳ אורי מיט א ספעציעלע אייגענארטיגע ניגון אזוי עס דארף צו זיין.

אזוי אויך האט די מלמד גערעדט צו די חשובע קינדער איבער די נושא פון סליחות וואס מיר וועלן אויפשטיין אינדערפרי און זאגן סליחות און תשובה טוען און בעטן די אייבערשטער ער זאל אונז אפשרייבן א שנת גאולה וישועה.

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**

**אויף טעלעפאון נומבער(845) 662 8093**

# א בילד רעדט מער ווי טויזענט ווערטער





ראש השנה איז געקומען און מיר טוען שופר בלאזן





מהוטב עציך עד שואב מימך




שפאגל
נייע טישן
באנייט די
וואך און
כתה ב׳

# ואלה שמות

אלו שמות הנדבנים שנדבו זכות פרנס היום במוסדותינו הקדושים
למען החזקת מוסדותינו הקדושים

## פרנס השבוע

נתנדב ע״י ידידינו העומד תמיד לימנינו הרבני הנגיד
**אחד מגדולי תומכי המוסדות**
לרגל שמחתינו הגדולה
**בפתיחת שערי הבית חינוך לבנות**
**בנות חוה טאהש**

ובזכות הבל פיהם של
תינוקת של בית רבן
ימלא הקב״ה כל משאלות לבו
לטובה אמן סלה

**יום א׳ – נתנדב ע״י הרב חיים שלום טובי׳ גדלי׳ פעקטע שליט״א – לרגל שמחת הולדת נכדו למז״ט**

**יום ב׳ – נתנדב ע״י הרה״ח ר׳ אהרן ציג שליט״א – לע״נ אביו הרה״ח בנימין זאב ב״ר אליהו ע״ה**

**יום ג׳ – נתנדב ע״י הרה״ח ר׳ ישראל מרדכי דרוממער שליט״א – לע״נ האה״ח מרת רבקה ב״ר יעקב אליעזר ע״ה**

**יום ד׳ –נתנדב ע״י הרבני הנגיד ר׳ יושע בערנאטה שליט״א –להצלחה בכל ענינים**

**יום ה׳ – נתנדב לעילוי נשמת הרבנית הצדיקית מרת חוה ע״ה בת הרה״ק ר׳ יודא הלוי זצ״ל**

**יום ו׳ –נתנדב ע״י הרה״ח ר׳ יוסף מרדכי מערמעלשטיין שליט״א –לרגל שמחת אירוסי בנו למז״ט**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן ובזכות רבינו הקדוש זי״ע שהמוסדות נקראת על שמו
ימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

צו מנדב זיין א פרנס היום ביטע זיך פארבינדן מיט׳ן שליח המוסדות אויף טעלעפאן נאמבער 845 662 8093

## ברוכים הבאים

פאר די לעבטיגע קינדערלעך וואס זענען אריינגעקומען
לערנען און אונזער חדר

**הילד החשוב כמר אשר לעמיל הירש ני״ו**
**בן מו״ה ישראל הי״ו**
**מחשובי הורי מוסדתינו**

## ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו
**הרב יצחק יונתן יאזשעף**
מחשובי הורי מסודותינו הקדושים
**לרגל שמחת הולדת בתו למז״ט**
אן עקסטערע מזל טוב
**פאר הילד החשוב כמר מאיר ני״ו – כתה א׳**
**אז זיין מאמע האט געבוירן א בעבי**

## מודעה מטעם המערכת

**אויב ווילט איר באקומען דעם גליון אויף**
**אימעיל דאן שיקט אן אימעיל צו**

Toshmonsey8674@gmail.com

**א גוט שבת**
**ווינטשט**
**הנהלת המוסדות**

מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

## טאהש

מאנסי יצ"ו

# הרתודה והברכה

## הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו

## הרב שלום הורוויץ שליט"א

לעילוי נשמת זקינו החשוב

## הרה"ח המפורסים הרב נפתלי ב"ר ברוך יהודה ז"ל

## ולכבוד ש"ב הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה